STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06215

MORIS ROZENFELD

B. J. Bialostotzky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

מאָריס ראָזענפעלד

1923—1862

מיט אילוסטראַציעס פון אַבא ליליען

אַרויסגעגעבען פון
פאַרלאַג קינדער־רינג
ביי דעם בילדונג דעפּאַרטמענט פון אַרבייטער רינג
175 איסט בראָדוועי, ניו יאָרק, נ. י.

קינדער-רינג ביבליאָטעק

מאָריס ראָזנפעלד

פון

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

מיט אילוסטראַציעס פון

אבא ליליען

Copyright 1941
by

FARLAG KINDER RING
of the
EDUCATIONAL COMMITTEE OF THE
WORKMEN'S CIRCLE
New York, N. Y.

Printed in U.S.A.

3

מאָריס ראָזנפעלד

(געבאָרן אין יאָר 1862 — געשטאָרבן אין יאָר 1923)

אַ שניידער אַ פּאָעט.

דאָס איז די לעבנס-געשיכטע פון אַ מערקווירדיקן ייִדישן שנײַדער, וועלכער האָט געלעבט אין ניו-יאָרק.

אַ שנײַדער — אַ פּאָעט.

איבער צען יאָר צײַט איז ער געווען אַ שקלאַף אין די אַמאַליקע סוועט-שעפּער. ער האָט שווער געהאָרעוועט און געליטן; ער האָט זיך געפּלאָגט מיט זײַן פרוי און קינדער אין די קליינע פאַרשטיקטע צימערלעך פון די אַלטע טענעמענט-הײַזער; ער האָט איבערגעלעבט זייער, זייער ביטערע טעג. דאָך האָט די נויט ניט געבראָכן זײַן מוט.

„די מאַשין האָט געזשומט, און דער דלות האָט געברומט".

דאָך האָט די פּײַן ניט געקענט פאַרשטיקן דאָס געזאַנג, וואָס האָט זיך געריסן פון זײַן האַרץ.

און די לידער פון דעם ייִדישן שנײַדער האָבן דערפרייט און געמונטערט די הערצער פון די אַרבעטער אין די אַמאָליקע סוועט-שעפּער. זײַנע לידער, זײַנע געזאַנגען, האָבן געלינדערט זייער צער. און אין דער זעלביקער צײַט האָבן זײַנע לידער פון דעם אָרעמען לעבן אויפגעדעקט און אַלעמען געוויזן די לײַדן פון די אַרבעטער אין די שוויץ-פאַבריקן. די לידער פון דעם שנײַדער-פּאָעט האָבן שטאַרק געווירקט, און זיי האָבן געהאָלפן עס זאָל זיך אָנהייבן אַ גרויסער און גערעכטער קאַמף קעגן דער „שוויץ-סיסטעם", אַז די אַרבעטער זאָלן מערניט זײַן אַזוי פאַרשקלאַפּט, און זיי זאָלן מערניט לעבן אין אַזאַ נויט.

דער שנײַדער־פּאָעט איז געוואָרן באַליבט און באַרימט. מיט זײַנע לידער האָט מען פֿאַרוויגט קינדער אין די וויגן; מיט זײַנע הימנען איז מען אַרוים אין די אַמאָליקע ערשטע סטרײַקס קעגן בײזע „באַסעס"; מיט זײַנע געזאַנגען איז מען אַוועק אויף דער „פּיקעט־לײַן", און מיט זײַנע לידער האָט מען געחלומט פֿון אַ בעסערער וועלט . . .

דער נאָמען פֿון דעם דאָזיקן שנײַדער־פּאָעט איז געווען מאָרים ראָזנפֿעלד.

ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1923. אויף זײַן מצבה איז אויסגעקריצט זײַנס אַן אייגן ליד, וווּ עס זאָגט זיך, אַז:

— אַלץ, וואָס ס'איז שיין — קען ניט פֿאַרגיין.

אַזוי איז עס טאַקע. מאָרים ראָזנפֿעלדס לידער וועט מען קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן, כאָטש דאָס לעבן האָט זיך זינט דעמאָלט אַ סך געביטן.

ווען מע לייענט זײַנע לידער, ווען מען הערט די געשיכטע פֿון זײַן לעבן, — הערט מען אין דער זעלבער צײַט דאָס ליד און די געשיכטע פֿון אַ גרויסער צײַט אין דעם ייִדישן לעבן אין אַמעריקע. דאָס איז אַ צײַט, ווען אַ סך ייִדן זײַנען געקומען אַהער פֿון יענער זײַט ים; דאָס איז די צײַט, ווען ס'איז דאָ אויפֿגעקומען אַ נײַ ייִדיש לעבן.

אַלץ וואָס ס'איז פֿאַרגעקומען אין יענע יאָרן, אַלע קאַמפֿן און לײַדן, אַלע האָפֿענונגען און שטרעבונגען, — אַלץ איז אײַנגעוועבט אין די לידער פֿון מאָרים ראָזנפֿעלד.

טאָ לאָמיר הערן די געשיכטע פֿון זײַן לעבן.

2. עמיגראַנטן אויף אַ שיף.

דאָס איז געווען אין יאָר 1886. אויף אַ שיף, וואָס האָט פֿאַרלאָזן דעם ענגלישן האַפֿן פֿון ליווערפּול, זײַנען געווען עמיגראַנטן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער און פֿעלקער: רוסן, פּאָליאַקן, דײַטשן, אירלענדער, ייִדן. אַלע זײַנען געפֿאָרן קיין אַמעריקע, צו דעם לאַנד פֿון פֿרײַהייט, צו דער נײַער וועלט. מיט זייערע קערבלעך און זעק; מיט זייערע פּעקלעך און פּעק, זײַנען זיי געווען צונויפֿגעדריקט אויף דעם צווישנדעק פֿון דער שיף.

צווישן די עמיגראַנטן איז אויך געווען אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר פֿינף און צוואַנציק, וואָס אַלע האָבן אים באַלד דערזען. זײַנע קליידער זײַנען געווען אָרעמע, אַלטע. אָבער דערפֿאַר האָט זײַן פּנים אַזוי געלויכטן; זײַן שאַרפֿע נאָז, זײַנע שוואַרצע, געקרײַזלטע האָר, זײַנע בליציקע אויגן און זײַן שיינער וווּקס — האָבן צוגעצויגן צו זיך אַלעמענס בליקן.

און ס'האָט פּאַסירט: אויפֿן ים איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורעם. די שיף האָט זיך גענומען וואַרפֿן אויף אַלע זײַטן; דער מאַסטבוים האָט געקרעכצט; דער זעגל האָט געציטערט, דער אָפּגרונט האָט געליאַרעמט. . . עס האָט אויסגעקוקט ווי דער שטורעמווינט וואָלט געקעמפֿט מיט דער שיף אויף לעבן און טויט. . .

אַלע פּאַסאַזשירן, אַלע עמיגראַנטן, זײַנען געוואָרן זייער צעשראָקן. די שיף האָט געפֿײַפֿט, געטרובעט, און דיקע זײַלן רויך האָבן אַרויסגעשפּאַרט פֿון גרויסן קוימען. דער קאַפּיטאַן האָט געגעבן געפֿאַר־סיגנאַלן צו די מאַטראָסן. . .

דער שרעקלעכער ווינט איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און בייזער. די שיף איז אַרומגעוואָרפֿן געוואָרן, אַזוי ווי אַ שפּענדל. אַט איז די שיף אַריַין אין אַן אָפּגרונט, און אַט איז זי אַרויפֿגעהויבן געוואָרן אויף אַ באַרג — אויף אַ באַרג פֿון אויפֿגעשטורעמטע כוואַליעס; אַט איז זי געטריבן געוואָרן אויף צוריק, און אַט איז זי מיט ווילדקייט געשלעפּט געוואָרן פֿאָרויס: אַ שפּילכל איז די שיף געוואָרן ביַי די ווילדע כוואַליעס.

די מענטשן אויף דער שיף זיַינען געווען פֿאַרציטערטע, דערשראָקענע. וואָס וועט דאָ זיַין? די סכּנה איז געווען גרויס. יעדערער האָט גענומען בעטן צו זיַין גאָט, יעדערער האָט עפּעס גענומען מורמלען פֿאַר זיך. . .

און דער ווינט האָט געלאַכט, און דער ווינט האָט געשפּאָט.

דער יונגערמאַן מיטן זעלטענעם פּנים האָט אין אָנהייב די צעשראָקענע געפּרוּווט טרייסטן. נאָר באַלד איז ער אַליין אויך געוואָרן זייער אומרויִק. ווער וויים, וועער וויים, וואָס ס׳קען פּאַסירן! . . .

אָבער ענדלעך האָט זיך דער שטורעם געלייגט, אַזוי ווי גאָרניט געווען. דער ים האָט זיך באַרויִקט, און אויך די מענטשן האָבן זיך באַרויִקט. די יידישע עמיגראַנטן האָבן זיך צונויפֿגעקליבן צוזאַמען און מען האָט גערעדט:

— געזען אַ ביסעלע, וואָס פֿאַר אַ שטורעם דאָס איז געווען! געמיינט די וועלט ווערט חרוב. . . אוי־וואַ! נו, גאָט צו דאַנקען, אַבי מיר זיַינען לעבן געבליבן.

דער יונגערמאַן איז אויך צו צום געזעמל און אַ בליק געטאָן מיט זיַינע אויגן:

— נאַראָנים, מע דאַרף זיך ניט שרעקן. גיי פֿאַרטרייַב דעם שטורעם פֿון ים! די שיף האָט שוין ניט איין שטורעם געזען.

אַ פּאָר צווישן עולם האָבן מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— אַ העלד! אַז דער שטורעם איז פֿאַרביַי איז גרינג צו זיַין אַ העלד.

אָבער דער יונגערמאַן האָט אויף דעם ניט געענטפערט. אַנ־שטאָט צו ענטפערן, האָט ער גוטברודעריש פאַרצויגן אַ ליד:

פאַריאָמערט, פאַרקלאָגט,
פון דער היים פאַריאָגט,
וואַנדערט ישׂראליק אַליין. . .

דאָס איז געווען אַ ליד, וואָס האָט באַוויינט די ייִדישע צרות, די ייִדישע וואַנדערונגען.

דאָס ליד האָט צוגעטראָפן צו די הערצער פון די וואַנדערער. מען האָט געפּאַטשט בראַוואָ:

— ווער ביסטו?

— מײַן נאָמען איז מאָרים ראָזנפעלד.

— פון וואַנען שטאַמסטו? פון וואַנען קומסטו?

— פון וועלכן לאַנד?

מען האָט אים באַוואָרפן מיט פראַגעס.

און דער יונגערמאַן האָט געענטפערט זייער גערן.

פון זײַנע ענטפערס האָבן די עמיגראַנטן־ברידער זיך דערוווּסט:

ער איז געבאָרן געוואָרן אין אַ דאָרף מיט דעם נאָמען באָקשע, דרײַ מײַל פון דער שטאָט סוואַלק, פוילן. דאָס דאָרף איז באַרימט געווען מיט זײַן גרויסן, טיפן טײַך, מיט די געדיכטע וועלדער און הויכע בערג, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. דאָס הויז וווּ ראָזנפעלד איז געבאָרן געוואָרן איז געשטאַנען האַרט בײַם טײַך.

זײַנע עלטערן, זײַנע זיידעס און עלטער־זיידעס, זײַנען געווען פישערס. דער טאַטע זײַנער האָט זיך אַפילו געהאַט אויך אויס־געלערנט די מלאכה פון שנײַדערײַ, נאָר ער האָט פון דעם קיין חיונה ניט געקענט ציִען, און ער איז צוריקגעגאַנגען צו פישערײַ. דאָס ייִנגל משה־יאַנקעלע (אַזוי איז געווען זיין אמתער נאָמען) האָט דעם זיידן און דעם טאַטן געהאָלפן כאַפּן פיש, און געהאָלפן שלעפּן די נעצן פון וואַסער. דער זיידע פלעגט מיט אים אַרומפאָרן אין אַ שיפל איבערן גרויסן, קלאָרן טײַך, און ער פלעגט אים דער־ציילן אַלערליי שיינע מעשׂיות. דעם זיידנס מעשׂיות האָבן אויף אים שטאַרק געווירקט. אַ מאָל פלעגט דער זיידע אַוועקלייגן די

רודערס און גאָר אָנהייבן צו זינגען. ס'איז אַזוי גוט צו זינגען, ווען מע פֿאָרט אויפֿן טײַך. דאָס קול קלינגט, און אַן עכאָ רופֿט פֿון דער ווײַט. . . .

מאָריס ראָזנפֿעלד האָט גערעדט און דערציילט, און אין דער פֿאַנטאַזיע זיך אַוועקגעטראָגן צוריק צו זײַן קינדהייט. . .

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך צוגעהערט מיט גרויס הנאה:

— זעט נאָר, זעט, ווי פֿײַן דאָס גייט בײַ אים, ווי שיין ער דערציילט!

האָט איינער אַ פֿרעג געטאָן:

— געלעבט ביז איצט אין באָקשע?

— ניין! ווען איך בין קוים צען יאָר אַלט געווען האָבן טאַטע־מאַמע זיך איבערגעקליבן קיין וואַרשע. שפּעטער זײַנען זיי אַריבער קיין סוּוואַלק. אָבער איך פֿלעג זיך אָפֿט אַריבערכאַפּן צוריק צום דאָרף, אַ קוק צו טאָן אויפֿן טײַך. אַי, איז דאָס אַ טײַך! אָבער לאַנג זײַן אין דאָרף האָב איך שוין ניט געקענט. האָב געמוזט צו־ריקפֿאָרן קיין סוּוואַלק צו מײַנע עלטערן.

— פֿון וואַנען זשע קומסטו איצט?

האָט דער יונגערמאַן געענטפֿערט:

— איצט קום איך פֿון לאָנדאָן, ווו איך בין אָפּגעווען אַ שטיק צײַט.

— וואָס האָסטו דאָרט געטאָן אין לאָנדאָן?

— וואָס טוט דאָרט אַן אימיגראַנט? האָב געהונגערט און געליטן, בין דאָרט אַרײַנגעפֿאַלן אין די סוועט־שעפּער, און האָב געשוויצט! אַ שווערע זאַך די שנײַדערײַ! די מאַשין נעמט אָפּ בײַ דיר די פּיס; דער אײַזן ברענט; די נאָדל שטעכט, און — וואָס גיט מען דיר דערפֿאַר? פֿריִער האָב איך געפּרוּווט זיך אויס־לערנען אַן אַנדער מלכה, דימענט־שלײַפֿערײַ. דאָס איז געווען, ווען איך בין — פֿאַר לאָנדאָן — דורכגעפֿאָרן דורך אַמסטערדאַם, אין האָלאַנד. נאָר ס'איז מיר אין דער דימענט־שלײַפֿערײַ ניט געגאַנגען. נו, בין איך שוין אין לאָנדאָן געוואָרן אַן אמתער שנײַדער — שטעך, נאָדעלע, שטעך! . . .

און מיט אַ שטילערן קול האָט ער געזאָגט:

— איצט, ברידער, פֿאָרן מיר קיין אַמעריקע. אַז איך וועל דאָרט פֿאַרדינען, וועל איך אַריבערברענגען קיין אַמעריקע מײַן פֿרוי און טאָכטערל, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט אין לאָנדאָן.

אַ ייִד מיט אַ לענגלעכער שוואַרצער באָרד האָט אַ זאָג געטאָן:

— נו, קיין דימענט-שלײַפֿער ביסטו ניט. אָבער דו וואָלסט דאָך געקענט זײַן אַ חזן, צו וואָס דאַרפֿסטו די שנײַדערײַ? דײַן זינגען איז דאָך ממש אַ מחיה, צוקער-זיס, דו האָסט אַ טײַער קול, נו, זאָג נאָר, יונגערמאַן, ווי גייט דאָרט דײַן ניגון?

מאָריס ראָזנפֿעלד האָט זיך ניט געלאָזט בעטן און האָט ווידער אַ מאָל אויסגעזונגען פֿאַר די שיפֿברידער דאָס ליד וועגן ישׂראליקן, וואָס וואַנדערט אַרום איבער דער וועלט „פֿאַריאָמערט און פֿאַרקלאָגט”. באַלד, און אַלע האָבן שוין מיט אים מיטגעברומט:

— פֿאַריאָמערט, פֿאַרקלאָגט, פֿון דער היים פֿאַריאָגט...

— אַ חזן, נאָר אַ חזן זאָלסטו זײַן! — האָבן ייִדן אין איין קול געשריִען.

ראָזנפֿעלד איז געוואָרן שטאָלץ בײַ זיך, ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיט זײַנע שוואַרצע לאָקן און געזאָגט:

— קיין חזן בין איך ניט, נאָר לידער קען איך אַ סך. נאָך אין דער היים פֿלעג איך זינגען לידער פֿאַר אַנדערע. אויך אויף חתונות פֿלעג איך אַ מאָל זינגען. אין די לאָנדאָנער שעפּער פֿלעגן זיך די אַרבעטער גאָר קוויקן מיט מײַן זינגען.

און דאָ האָט מאָריס ראָזנפֿעלד מיט אַ שמייכל צוגעגעבן:

— דאָס ליד, וואָס איך האָב אײַך געזונגען איז פֿון אַ טעאַטער-שפּילער, אַברהם גאָלדפֿאַדן. אָבער איך האָב אויך אָן אייגן ליד. אין לאָנדאָן האָט מען עס געזונגען אין אַלע שעפּער. טייל רופֿן עס: „דער מאַשינער”. אַנדערע רופֿן עס: דער „אַפּרייטאָר”. אָבער ס'איז איינס און דאָס זעלביקע. ס'איז אַ ליד וועגן איינעם, וואָס שקלאָפֿט

אין אַ סוועט־שאַפּ, אַזוי ווי ער וואָלט געווען צוגעשמידט צו דער מאַשין.

— לאָמיר הערן, לאָמיר הערן! — האָט מען אויסגערופֿן.
און דער יונגערמאַן האָט אָנגעהויבן:

איך זע דאָרט אַ בלייכן אָפּרייטאָר,
פֿאַרקאָכט אין דער אַרבעט אַ שרעק.
און זײַט איך געדענק אים אַלץ נייט ער,
און לייגט זײַנע קרעפֿטן אַוועק.

עס ווערן חדשים פֿאַרפֿלויגן,
עס לויפֿן די יאָרן אַהין.
און נאָך זיצט דער בלייכער געבויגן,
און קעמפֿט מיט דער רויער מאַשין.

איך בעט אײַך, ווי לאַנג וועט נאָך יאָגן
דער בלייכער דעם בלוטיקן ראָד?
אָ, ווער קען זײַן ענדע מיר זאָגן?
ווער ווייס יענעם שרעקלעכן סוד?

אָ, שווער, זייער שווער, דאָס צו זאָגן,
דאָך איינס איז באַוווּסט און באַשיידט:
ווען אים וועט די אַרבעט דערשלאָגן,
זיצט תּיכּף אַ צווייטער און נייט. . .

מאָרים ראָזנפֿעלד האָט געענדיקט. דער עולם איז געווען באַ־גײַסטערט. איינער פֿון די עמיגראַנטן האָט מיט אַ ביטערן שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— ווען זינגט אַ ציגײַנער? ווען ער איז הונגעריק. זינג, ברודערל, זינג. . .

. . . אין א ווינקל פון שיף זיינען געזעסן צוויי יידן

די גאַנצע צײַט, וואָס ראָזנפֿעלד האָט גערעדט און דערציילט, און געזונגען, זײַנען אָן אַ זײַט, אין אַ ווינקל פֿון שיף, געזעסן צוויי מיטליעריקע ייִדן, און זיך ניט אָפּגערופֿן מיט קיין איין וואָרט, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אין גאַנצן אָפּגעריסן פֿון אַלעמען. זיי זײַנען געזעסן שטום און פֿאַרשטיינערט. אַפֿילו פֿריִער, ווען דער שטורעם האָט געבושעוועט, זײַנען די צוויי געזעסן שטיל און שטום. זייערע אויגן האָבן געקוקט קאַלט און שטאַר, ווי זיי וואָלטן זאָגן: — וואָס אַרט עס אונדז? זאָל זײַן וואָס ס'וועט זײַן. מיר זײַנען סײַ ווי פֿאַרלאָרענע. . .

ראָזנפֿעלד האָט די גאַנצע צײַט זיי געוואָלט אויפֿמונטערן און אַרײַננעמען זיי אין געזעמל. איצט איז ער צוגעקומען צו זיי און געזאָגט:

— נו, גענוג געזעסן. וואָס איז מיט אײַך? וואָס זיצט איר עפּעס טאַקע אַזוי „פֿאַריאָמערט און פֿאַרקלאָגט?"

איינער פֿון די צוויי האָט געגעבן אַ לײַכטן ציטער מיט די ליפּן און געענטפֿערט:

— יאָ, פֿאַריאָמערט. מיר האָבן געהערט אַלץ וואָס איר האָט דאָרט גערעדט. אָבער מיר האָבן ניט וואָס צו ריידן. אונדז איז עס אַלץ איינס. ניט מיר שלײַפֿן קיין דימענטן, ניט מיר נייען קליי־דער. . . אונדז קימערט אַפֿילו ניט וווּהין די שיף וועט אָנקומען. מיר זײַנען פֿאַרטריבענע, פֿאַריאָגטע, אַזוי ווי בײַ אײַך אין אײַער לידל דאָרט. . .

מאָרים ראָזנפֿעלד איז שוין פֿון זיי ניט אָפּגעטראָטן. וואָס איז? וואָס האָט פּאַסירט?

און די צוויי האָבן מיט טרערן גענומען דערציילן, אַז בײַ זיי, אין אַ רוסישער שטאָט, איז פֿאָרגעקומען אַ שרעקלעכער פּאָגראָם אויף ייִדן. זייערע פֿאַמיליעס האָט מען דערהרגעט. זייער האָב און גוטס האָט מען צערויבט. זייערע קישנס האָט מען צעשניטן און די פֿעדערן געלאָזט אויפֿן ווינט. . .   הלוואַי, וואָלט דער שטורעם אונדז אײַנגעשלונגען — האָבן זיי ביידע אַרויסגעזיפֿצט.

ראָזנפֿעלד האָט געשוויגן. ער האָט זיי געוואָלט טרייסטן, און האָט ניט געקענט. מיט וואָס קען ער זיי טרייסטן?

ענדלעך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ייִדן ליַידן אַלע מאָל, און אַלע מאָל האָבן זיי זייערע שׂונאים איבערגעלעבט. אין אַמעריקע וועט איר אָנהייבן אַ נײַ לעבן. אַ סך ייִדן ווערן איצט געראַטעוועט אין נײַעם לאַנד. פֿאַרלירט נאָר ניט די לעצטע האָפֿענונג.

אַזוי האָט ער זיי געטרייסט. אָבער בשעת מעשׂה האָט ער זיך אַליין שיער ניט צעוויינט. פֿאַרגנבֿעט האָט ער אַליין אָפּגע-ווישט אַ טרער.

די שיף האָט זיך גענומען דערנעענטערן צו ניו-יאָרק. קליינע שיפֿלעך זײַנען אַנטקעגן אַנגעקומען פֿון ברעג און מען האָט אויף זיי די אימיגראַנטן גענומען צו „קעסל-גאַרדן". דאָס איז דער רונדער מויער, וואָס געפֿינט זיך, אַ ביסל אָן איבערגעבויטער, נאָך ביז צום הײַנטיקן טאָג אין ניו-יאָרק, בײַ „סאַוטה-פֿערי". איצט געפֿינט זיך אין יענעם מויער דער אַקוואַריום, ווו עס זײַנען צונויפֿגעזאַמלט אַלערליי פֿיש פֿון דער גאַנצער וועלט.

אַמאָל אָבער איז דאָס געווען די ערשטע אַמעריקאַנער סטאַנ-ציע פֿאַר אָנגעקומענע אימיגראַנטן. דאָרטן זײַנען זיי איבערגעקוקט געוואָרן פֿון דאָקטוירים, און דאָרט האָט מען זיי געהאַלטן ביז זיי זײַנען אַוועק ערגעץ אויף אַרבעט, ביז זיי האָבן דאָ געפֿונען ערגעץ אַ ווינקל פֿאַר זיך. אַלע אָנגעקומענע האָבן געמוזט דורכ-גיין דורך „קעסל-גאַרדן". אין יענע יאָרן איז עליס-אײַלענד נאָך ניט געווען אויפֿגעשטעלט פֿאַר די אײַנוואַנדערער. אין קעסל-גאַרדן — עס הייסט, אין דעם איצטיקן אַקוואַריום — האָט מען דעריבער געקענט זען ניט קיין צונויפֿזאַמלונג פֿון אַלערליי פֿיש, נאָר אַ געזעמל פֿון אַלערליי מענטשן, אַלערליי אימיגראַנטן. אויף זייערע פּנימער האָט מען געקענט זען דעם צער פֿון אַלע היים-לאָזע, דעם טרויער פֿון אַלע געיאָגטע, אַלע געפּלאָגטע וואָס זוכן אַ נײַע היים.

קיין „קעסל-גאַרדן" האָט מען אויך אָפּגעפֿירט מאָריס ראָזנ-פֿעלדן, און אַנדערע אימיגראַנטן, וואָס זײַנען אָנגעקומען מיט אים.

3. אין יענע יאָרן.

אין יענע יאָרן האָבן זיך געצויגן קיין אַמעריקע אַ סך יִידן. עס זײַנען דאַן אין רוסלאַנד פֿאָרגעקומען בלוטיקע פּאָגראָמען. יִידן זײַנען געלאָפֿן און געזוכט אַ נײַע היים, אַ רעטונג. און זיי האָבן די נײַע היים געפֿונען בײַ די ברעגן פֿון דעם האָדסאָן און בײַ די אַמעריקאַנער ברעגן פֿון אַטלאַנטישן אָקעאַן.

יִידן זײַנען אין אַמעריקע אייגנטלעך שוין געווען אויך פֿריִער. נאָך פֿאַר די רוסישע פּאָגראָמען זײַנען זיי געקומען אַהער בים-לעכווײַז, — געקומען פֿון די פֿאַרשיידענע ווינקלען פֿון דער וועלט. נאָך די בלוטיקע פּאָגראָמען האָבן זיי אָבער אָנגעהויבן אָנצוקומען אַהער אין די טויזנטער.

שיפֿן מיט עמיגראַנטן זײַנען געפֿאָרן אַהער פֿון ראָטערדאַם, פֿון אַמסטערדאַם, פֿון אַנטווערפּן, פֿון ברעמען, און פֿון אַנדערע האַפֿנס. אויך פֿון ענגלישע האַפֿנס זײַנען זיי געפֿאָרן אַהער. דאָס זײַנען געווען די, וואָס האָבן זיך דאָרט פֿריִער געהאַט אָפּגעשטעלט און געוווינט אין ענגלאַנד אַ שטיק צײַט. צוזאַמען מיט זיי איז אויך געקומען מאָריס ראָזנפֿעלד.

אין עטלעכע יאָר איז דאָ די צאָל יִידן געוואָרן פֿיל גרעסער. ס'האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ קאָכיק יִידיש לעבן. עס האָבן זיך באַוויזן יִידישע צײַטונגען; עס האָבן זיך געעפֿנט יִידישע אינסטי-טוציעס; עס האָבן זיך גענומען גרינדן פּאַרטייען און יוניאָנס.

טויזנטער יִידן זײַנען דאָ געוואָרן אַרבעטער בײַ פֿאַרשיידענע פֿאַכן — היטל-מאַכער, וועבער, סיגאַר-מאַכער, בעקער, פֿאַרבער, פֿאַריער. גאָר אַ סך זײַנען געוואָרן שנײַדער.

עס זײַנען אויפֿגעקומען באָסעס, באַלעבאַטים, געשעפֿטלײַט, און עס זײַנען אויפֿגעקומען אַ סך יִידישע אַרבעטער.

טויזנטער ניי־מאַשינען האָבן גענומען זשומען; טויזנטער זיי־נען אין די סוועט־שעפּער אַזוי ווי צוגעבונדן געוואָרן צו דער מאַשין. אַן אַרבעטער איז דאַן געווען אַזוי ווי אַ שקלאַף. די אַרבעטער פלעגן צווישן זיך אַזוי ריידן: — „ניי, פּראַצעווע, האָרעווע. ניי, ביז מען קען נאָך דערלאַנגען דעם קאָפּ אַ דריי . . .״

מאָריס ראָזנפעלד איז דאָ אויך געבליבן ביי שניידעריי. ווי אַלע אין יענער צייט האָט ער זיך געשלעפּט צו אַ נייעם דזשאָב מיט דער „זינגער־ניי־מאַשין״ אויף זיינע פּלייצעס.

אַרבעטער האָבן דאַן געדאַרפט ברענגען צו דער אַרבעט זייערע אייגענע מאַשינען.

די ערשטע שטעל האָט ער באַקומען אין אַ סוועט־שאָפּ אויף דעלענסי סטריט.

אָט וועגן יענע ענגע, פאַרשטיקטע שעפּער און קליינע פאַבריק־לעך האָט ער שפּעטער — ווען ער איז שוין באַרימט געוואָרן — געזונגען אויף די אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען:

אָ, זעסטו די שעפּער? באַטראַכסט די פאַבריקן?
דאָס שאַפן די מענטשן פאַר מענטש זיינע גליקן;
זיי שניצן און בויען, און שפּינען און וועבן,
און שניידן, און שמידן און שאַפן דאָס לעבן.
דאָך פרעג ביי די בלייכע, וואָס צאַפּלען און שוויצן,
ווי גרויס זייער לוין איז, און וואָס זיי באַזיצן?
אָ פרעג, ווי זעט אויס זייער היים, ווו זיי קומען,
ביי נאַכט, ווען די פינצטערע רעדער פאַרשטומען? . . .

די היים פון די אָרעמע איז געווען אַזוי ווי דער שאָפּ — ענג און פינצטער.

ווער האָט ניט געהערט פון די אַמאָליקע טענעמענט־הייזער, ווו די אָרעמע יידישע אַרבעטער האָבן זיך געפּלאָגט? יעדער הויז איז געווען אַ פייער־פּאַסטקע, און ניט זעלטן פלעגן אומקומען מענטשן אין די שׂרפות. די הייזער אויף דער איסט־סייד, ווו די

יידישע אײַנגעוואַנדערטע האָבן זיך באַזעצט, האָט מען אויסגעבויט ביליק און גיך, און אָן די נייטיקע מענטשלעכע באַקוועמלעכקייטן. די אַפּאַרטמענטס האָבן אויסגעזען ווי טורמע-צעלן. אַ סך טענעמענט-הײַזער זײַנען געווען אין גאַנצן אָן פֿענצטער, אָן ליכט און אָן לופֿט. איין וואַנט איז געווען אַרײַנגעבויט אין דער צווייטער וואַנט, איין הויז — אין דעם אַנדערן. ווען עס איז אין אַ וואַנט שוין יע געווען אַ פֿענצטער האָט מען אָבער מער ווי די צווייטע הויכע, קאַלטע וואַנט אַנטקעגן ניט געזען. אין די היצן האָט מען זיך דאָרט געשטיקט, אין די פֿרעסט — געפֿראָרן. זומער פֿלעגט מען לויפֿן צו פֿאַרכאַפּן אַ געלעגער אויפֿן דאַך. און ווינטער פֿלעגט מען ליגן צונויפֿגעטוליעטע אונטער שמאַטעס...

אין איינעם פֿון אַזאַ טענעמענט-הויז, אויף סאַפֿאָלק-סטריט, האָט זיך אויך אַרײַנגעקליבן מאָריס ראָזנפֿעלד. צוזאַמען מיט אים זײַנען אין דעם זעלביקן צימער אויך געשלאָפֿן נאָך צוויי — אַן אַלטער שנײַדער און אַ סיגאַרעטן-אַרבעטער, וואָס האָט געליטן אויף די לונגען. פֿיל אַרבעטער בײַ טאַבאַק האָבן דאַן צוליב דער שווערער פּראַצע געליטן אויף שווינדזוכט. מאָריס ראָזנפֿעלד האָט וועגן זײַן ערשטער דירה אַזוי געשריבן:

אַ צימער קאַלט און פֿינצטער,
ס'איז שטיל, עס דאַכט זיך פּוסט;
נאָר דורך דער שווערער שטילקייט,
ברעכט דורך אַ שווערער הוסט.

די היים — אין אַ טענעמענט-הויז.
די אַרבעט — אין דעם שוויץ-פֿאַבריקל.

אוי, פֿלעגט מען שוויצן אין די שוויץ-פֿאַבריקלעך! די שקלאַפֿערײַ פֿלעגט זיך יעדן טאָג ציען פֿון 5 באַגינען ביז 12 בײַ נאַכט. פֿאַרדינט האָט מען צוויי - דרײַ דאָלער אַ וואָך. די אַרבעטער האָבן פֿון זיך די לעצטע כּוחות אַרויסגעזויגט.

יונגע מיידלעך פֿלעגן אין יענע שעפּער אַרבעטן בלויז פֿאַרן עסן. גאָר קליינע קינדער זײַנען אויך אײַנגעשפּאַנט געוואָרן אין דעם יאָך פֿון דער רויער מאַשין...



אין א „שוויץ”-פאבריקל

אַזוינע שעפער האָבן אין יענער צײַט עקסיסטירט ניט נאָר אויף דער איסט-סײַד, צווישן די ייִדישע אײַנגעוואַנדערטע. דער סוועט-שאַפּ האָט דאָ עקסיסטירט נאָך פיל פריִער איידער די ייִדן זײַנען געקומען צו שנײַדערײַ. רײַכע לײַט, אַמעריקאַנער מאַגנאַטן, אויפגעקומענע מיליאָנערן, ווי דזשעי גולד, שוואַב, קאַרנעגי, און אַנדערע, האָבן זיך זייער שלעכט באַצויגן צום אַרבעטער. היגע באַסעם פלעגן זיך בכיוון יאָגן נאָך „אויסלענדישע הענט", כדי זיי צו פאַרשקלאַפן.

מאָרים ראָזנפעלד, דער יונגערמאַן מיט די ליכטיקע אויגן און מיט דעם שײנעם קאָפּ, איז געוואָרן אַן אָפּרייטאָר בײַ דער מאַשין. דערנאָך איז ער געוואָרן אַ פּרעסער. ער פלעגט פירן די הייסע, אָנגעגליטע אײַזנס איבער די רעק און דערבײַ פלעגט ער אונטער-מורמלען זײַנס אַ ליד. . . ניט זעלטן פלעגט פון זײַן אויג אַראָפּ-רינען אַ טרער, און די טרער פלעגט פאַלן און זידן אויפן הייסן אײַזן. . . .

שפּעט בײַ נאַכט פלעגט ער זיצן בײַ אַ ליכטל אין זײַן ענגן צימערל, אין דעם אַלטן טענעמענט-הויז און אָנשרײַבן די פערזן און לידער, וואָס זײַנען אים געקומען אין קאָפּ, ווען ער איז געזעסן געבויגן בײַ דער אַרבעט. אָפט פלעגט ער אַרויסגיין אויפן „סטופּ", ווו די שכנים-אַרבעטער פלעגן זיצן און ער פלעגט פאַר זיי פאָרלייענען און אויסזינגען זײַן ליד. ער אַליין פלעגט צופּאַסן מע-לאָדיעס צו זײַנע לידער. פון דעם „סטופּ" פלעגט מען דערנאָך גיין צו אַ פאַרזאַמלונג. ראָזנפעלד פלעגט דאָרט ווידער דעקלאַמירן און זינגען. שפּעטער האָט ער זײַנע לידער גענומען דרוקן אין די אַרבעטער-צײַטונגען. זײַן נאָמען איז געוואַקסן. די אַרבעטער האָבן אין אים דערזען איינעם, וואָס באַזינגט זייער פּײַן, וואָס לינדערט זייער עלנט, און וואָס קומט מיט אַ שאַרף וואָרט קעגן די בייזע באַסעס. . .

אויף די בריקלעך פון די טענעמענט-הײַזער, איבער דער גאַנצער איסט-סײַד, האָט מען געקענט הערן ווי מע זינגט ראָזנ-

19

פֿעלדס לידער. איינע פֿון די פּאָפּולערסטע לידער איז געווען טאַקע וועגן דער טרער, וואָס זידט אויפֿן הייסן אײַזן:

אָ, קאַלט און פֿינצטער איז דער שאַפּ,
איך האַלט דעם אײַזן, שטיי און קלאַפּ.
מײַן האַרץ איז שוואַך, איך קרעכץ און הוסט,
עס הייבט זיך קוים מײַן שוואַכע ברוסט.

איך קרעכץ און הוסט, און פּרעס, און קלער,
מײַן אויג ווערט פֿײַכט, עס פֿאַלט אַ טרער.
דער אײַזן גליט, דאָס טרערל מײַן,
עס קאָכט און קאָכט און זידט נישט אײַן.

4. פֿאַר רעכט און פֿאַר פֿרייהייט.

און די טרער האָט ניט אויפֿגעהערט צו זידן און צו קאָכן. אַרבעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט. עס זײַנען אויפֿגעקומען גרויסע יוניאָנס אויף דער איסט-סײַד. רעדנער און פֿירער האָבן די אַרבעטער גערופֿן צום קאַמף קעגן סוועט-שאַפּ און צום קאַמף פֿאַר אַ בעסערער וועלט. איבער די אָרעמע טענעמענט-הײַזער איז אויפֿגעגאַנגען דער שיינער חלום פֿון סאָציאַליזם, פֿון אַ צײַט פֿון גלײַכהייט און פֿון פֿרײַהייט.

אין יענער צײַט האָט זיך איבער גאַנץ אַמעריקע פֿונאַנדער-געברענט דער אַרבעטער-קאַמף. עס זײַנען אויפֿגעקומען מעכטיקע יוניאָנס פֿון די מינען-אַרבעטער, שטאָל-אַרבעטער און באַן-אַרבע-טער. יודזשין וו. דעבס, אַליין אַ געוועזענער באַן-אַרבעטער, איז געקומען מיט זײַנע פֿלאַמיקע רעדעס. ער איז געוואָרן דער נביא פֿון אַמעריקאַנער אַרבעטער. סטרײַקס און קאַמפֿן זײַנען אויסגע-בראָכן אין פֿאַרשיידענע שטאַטן.

אויך צווישן די יִדישע אַרבעטער האָבן גענומען אויסברעכן סטרײַקס. די איסט-סײַד איז צוזאַמענגעבונדן געוואָרן מיט דעם אַרבעטער-קאַמף פֿון גאַנץ אַמעריקע.

און דער שנײַדער-פּאָעט, מאָריס ראָזנפֿעלד, איז געוואָרן דער זינגער פֿון די אויפֿגעוואַכטע אַרבעטער. ער האָט געשריבן לידער פֿאַר שנײַדער-סטרײַקער, פֿאַר וועבער-סטרײַקער, און ער האָט אויך געשריבן און געזונגען לידער וועגן די סטרײַקס פֿון די באַן-אַרבעטער און מינען-אַרבעטער.

איין מאָל, ווען די אַרבעטער פֿון שאַפּ, ווו מאָריס ראָזנפֿעלד האָט געאַרבעט, זײַנען אויפֿגעקאָכט געוואָרן פֿון אַ בייזער באַהאַנד-לונג פֿון דעם פֿאָרמאַן און פֿון באָס, און זיי זײַנען אַרויס אין סטרײַק,

האָט מאָרים ראָזנפעלד, מיט גרויס צאָרן, ווי אַ נביא, אָנגעשריבן די דאָזיקע שטאַרקע פערזן קעגן די אונטערדריקער:

וואָס רוקט איר אַלץ דאָס פלייש צו זיך,
און שמײַסט צו מיר די ביינער?
וואָס מיינט איר, וואָס? אַ הונט בין איך?
אַ הונט מיט קהלשע ציינער?

אַ הונט, וואָס לויפט אַרום אין גאַס,
און נעבטיקט אויף די בריקלעך, —
און ווען אים פאַלט אַ ביין צום שפּאַס,
איז ער שוין איבערגליקלעך?

אָ, ציטערט, ווײַל איך בין אַ לייב,
נים שפּילט מיט מיר אין שפּיצלעך;
דען קוים דערלאַנג איך זיך אַ הייב —
צערײַס איך אײַך אויף פּיצלעך.

איך קען די סטעפּ, איך קען דעם וואַלד,
איך בין אין יאַכט געבאָרן;
איך טו אַ ברום, עס ווערט אַ גוואַלד,
און איר דערקענט מײַן צאָרן.

אָט אַזוי האָט דער פּאָעט פאַרגליכן דעם געדריקטן אַרבעטער צו אַ באַשעפעניש, וואָס זעט בלויז אויס שוואַך און קליין, אָבער אין דער אמתן פאַרמאָגט עס אין זיך די כוחות פון אַ לייב!...

דאָס ליד האָט די אַרבעטער געשטאַרקט און אָנגעפילט מיט שטאָלץ. ווען זיי זײַנען געגאַנגען אויף דער פּיקעט־ליַין בײַ זייער שאַפּ האָט יעדער איינער אויסגעגלײַכט זײַנע פּלייצעס און אויפגעהויבן דעם קאָפּ. בײַ יעדן איינעם איז דורכן האַרצן דורך אַ געשריי:

— וואָס מיינט איר וואָס? אַ הונט בין איך?...

5. מאָרים ראָזנפעלד און זיין פרוי.

אַן אָרעמע היים אויף טשערי-סטריט. בײַ אַ לעמפּל זיצט גע־בויגן אַ מאַן. ער טראָגט ברילן אויף דער נאָז, און דאָך איז זײַן קאָפּ שטאַרק אײַנגעבויגן צום שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער האַלט פֿאַרן לעמפּל. קענטיק, ער איז זייער קורצזיכטיק. ער מורמלט צו זיך און ציילט אויף די פֿינגער. דאָס ציילט ער אַזוי די טראָפֿן פֿון די ווערטער פֿון אַ נײַ ליד.

דער מאַן איז מאָרים ראָזנפֿעלד. ער איז שוין ניט מער אַזוי שטאָלץ און שיין, ווי ער איז געווען, ווען מיר האָבן אים געטראָפֿן דאָס ערשטע מאָל אויף דער שיף קײַן אַמעריקע. ער איז פֿאַר־דאגהט און פֿאַרצרהט. זײַנע געזיכט-שטריכן זײַנען געקרימט; טיפֿע קנייטשן האָבן זיך צעלייגט אויף זײַן שטערן. דער סוועט־שאָפּ האָט אויף אים אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ פֿריציײַטיקע עלטער. . . .

בײַ אַ טישל לעבן בעט, אין זעלבן צימערל, זיצט אַ פֿרוי. דאָס טישל איז אָנגעוואָרפֿן מיט האָר. זי סאָרטירט די האָר, קעמט זיי, גלעט זיי, ציט זיי אויס אין גלײַכע רייען.

דאָס איז מאָרים ראָזנפֿעלדס פֿרוי. ער האָט זי מיט זייער טאָכטער שוין לאַנג אַראָפּגעבראַכט פֿון לאָנדאָן.

און די האָר? דאָס מאַכט זי פּאַרוקן פֿאַר פֿרומע אַלטע ייִדישע ווײַבער, וואָס ווילן ניט גיין מיט די „אייגענע האָר". זי העלפֿט דעם מאַן פֿאַרדינען. זי מאַכט אויך אַ סך פּאַרוקן פֿאַר פֿריזירער, פֿאַר האָר-קרײַזלער.

איר נאָמען איז אַסנע-ביילע. אַמאָל, אַמאָל איז זי געווען לוסטיק, יונג און שיין. ראָזנפֿעלד האָט זיך באַקענט מיט איר, ווען זיי ביידע זײַנען געווען קינדער. שטיפֿעריש און שעמעוודיק פֿלעגן

זיי זיך שפּילן און אַרומלויפֿן בײַם היימישן גרויסן טײַך. פֿון דעם שפּיל איז געוואָרן אַ ליבע. משה־יאַנקעלע האָט זײַנע ערשטע ליבע־לידער פֿאַר איר געשריבן.

זינט דעמאָלט זײַנען אַוועק אַ סך יאָרן. זיי האָבן אַ סך דורכגעלעבט. זיי האָבן זיך אַ סך אָנגעליטן. דאָ, אין ניו־יאָרק, איז זייער פֿאַמיליע פֿאַרגרעסערט געוואָרן. אַסנע־ביילע האָט גע־באָרן נאָך דרײַ קינדער: צוויי מיידלעך און אַ יינגל. די מיידלעך האָט מען גערופֿן: פֿריידעלע און רייזעלע, און דאָס יינגל האָט מען אַ נאָמען געגעבן יוסף, אָדער, יאָסעלע. דאָס עלטערע מיידל, די וואָס איז געווען אין לאָנדאָן, האָט געהייסן דעבי.

ניט געווען אין שטוב געגנוג ברויט. ניט געווען קיין דירה־געלט צו דער צײַט. ראָזנפֿעלד האָט ווייניק פֿאַרדינט — סײַ פֿון זײַן פּרעסערײַ און סײַ פֿון זײַנע לידער. אויך די פּאַרוקן האָבן ווייניק אַרײַנגעבראַכט. אָבער אַסנע־ביילע האָט זיך געטרייסט:

— איז דאָך מײַן מאַן באַרימט. ווו מע גייט הערט מען זינגען זײַנע לידער. אונדזערע לײַדן זײַנען ניט געווען אומזיסט.

אָט איז, מיט אַ פּאָר טעג צוריק, געווען אַ גרויסע דעמאָנ־סטראַציע צום ערשטן מײַ. טויזנטער אַרבעטער האָבן זיך גע־צויגן פֿון ראָטגערס־סקווער ביז צו דער פֿערצנטער גאַס. דאָרט האָט מען געהאַלטן הייסע רעדעס; דאָרט האָט מען געזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל און די מאַרסעליעזע. אָבער נאָך דעם האָט מען אויך געזונגען ראָזנפֿעלדס לידער. מען האָט געזונגען זײַן ליד: „פֿרײַהייטס־סאָלדאַטן" און מען האָט געזונגען זײַן ליד: „די מאַשין". אַרבעטער האָבן געטראָגן ראָזנפֿעלדן אויף די הענט.

אַסנע־ביילע טראַכט, ציט די האָר, און מיט אַ מאָל גיט זי אַ הייב אויף דעם קאָפּ און זאָגט:

— וואָס צייכלסטו שוין דאָרט ווידער? מסתמא אַ נײַ ליד? לאָמיר הערן.

ראָזנפֿעלד האָט געענטפֿערט:

— יאָ, אַ ליד. איך וועל עס אַ נאָמען געבן: „זכרונות". הערסטו, אַסנע־ביילע, עס גיט אין הארצן אַ מאָל אַזאַ ברען און

עס פֿאַרבענקט זיך מיר נאָך די פֿאַרגאַנגענע שיינע קינדער־יאָרן. אָ, איר זיסע קינדער־יאָרן! ווי ווײַט בין איך פֿון אײַך! געדענקסטו, ווי דו ביסט אַמאָל געקומען אין באַקשע, ווו דער יידע מײַנער איז געווען אַ פֿישפּאַקטער? געדענקסטו די גאָלדענע פֿישעלעך, וואָס מיר האָבן געכאַפּט? געדענקסטו די חברים, שטיפֿערס, וואָס זײַנען געלאָפֿן אין וואַלד נאָך יאַגדעס? קום, אַסנעביילע, דו קענסט דאָך זינגען, לאָמיר איצט אַזוי שטיל צוזאַמען אויסזינגען מײַן ליד וועגן יענע יאָרן. שעם זיך ניט. זינג. . .

און מאָרים ראָזנפֿעלד האָט זיך אויפֿגעשטעלט, צוגעקומען נעענטער צו זײַן פֿרוי, און אָנגעהויבן:

פֿאַר דעם צײַמל נעם מיך, מאָטקע,
איך וועל זײַן דײַן פֿערד.
נעם דעם שטריקל פֿאַר אַ לייצקע,
דעם שטעקן פֿאַר אַ שווערד.
מאַרש אַהין, אויף יענע בערגלעך,
אין דער פֿרישער לופֿט,
איצקע וואַרט שוין מיט אַ באַנדע,
הערסטו, ווי ער רופֿט?
זעסט אים אויפֿן שפּיץ פֿון בערגל,
דאָרטן פֿאַזע טײַך?
אָך, איר זיסע קינדער־יאָרן,
ווײַט בין איך פֿון אײַך.

ראָזנפֿעלד האָט געזונגען און אַסנע־ביילע איז ביסלעכווײַז אויך אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם זעלביקן טאָן און מיטגעזונגען. זי פֿלעגט גאָר גיך זיך אויסלערנען איר מאָריסעס אַ ליד. . . זי האָט מיטגעזונגען און אירע אויגן זײַנען איר פֿול געוואָרן מיט טרערן:

אָך, איר זיסע קינדער־יאָרן,
ווײַט בין איך פֿון אײַך!

און די פֿערזן האָבן ווײַטער און ווײַטער זיך געוועבט, און דער ניגון איז געוואָרן אַלץ רירנדיקער. דאָס האָט ראָזנפֿעלד אין ליד זיך געקלאָגט אויף דעם, וואָס די זיסע קינדער־יאָרן זײַנען אַזוי

גיך פֿאַרבײַ; אויף די לײַדן וואָס זײַנען דערנאָך אָנגעקומען; אויף דעם, וואָס דאָס לעבן איז פֿול מיט פּײַן.

און מיט אַ מאָל האָט ראָזנפֿעלד, אַזוי זינגענדיק, גאָר פֿאַרגעסן אָן דער איצטיקער פּײַן, און ס׳האָט זיך אים פֿאַרגעשטעלט, אַז אָט, און ער האַלט דאָך גאָר אין מיטן טאַנצן דאָרטן, אַרום דער לופּטיקער מיל, בײַ דעם זילבערנעם טײַך, אַרום די בליִענדיקע קוסטעס, — ער טאַנצט דאָרטן און, אַסנע־בײלע, איז יונג און שיין, און זי טאַנצט צוזאַמען מיט אים. . .

אַזוי שטייענדיק און טרוימענדיק לעבן זײַן פֿרוי, אין דעם אָרעמען צימערל, האָט ער גענומען זינגען אַ נײַעם פּערז:

שפּיל אַ ווײַלע לענגער, קלעזמער,
זאָג, וואָס איז די אײַל?
איך בין דאָך אין מיטן טאַנצן,
שפּיל נאָך, שפּיל אַ ווײַל!
זעסטו ווי די ליבסטע מײַנע,
שײַנט אין בלומענקראַנץ?
זעסט ווי וווּנדערשיין מיר שוועבן
אין דעם צויבערטאַנץ?
שנעל, געליבטע! עס פֿאַרשטומען
אַלע סטרונעס גלײַך!
אַך, איר זיסע קינדער־יאָרן,
ווײַט בין איך פֿון אײַך.

אַסנע־בײלע האָט שטילערהייט מיטגעזונגען. בײדנס ליב־שאַפֿט צו דער פֿרײַער בליִענדיקער נאַטור, צום וואַלד און פֿעלד, האָט זיך אויסגעגאָסן אין דעם ליד אָט אַזוי ווי אַ פֿרישער רעגן וואָס גיסט זיך אַראָפּ אויף טרוקענער ערד. . .

מיט אַ מאָל האָט אַ שכן, איבערן ווענטל, גענומען קלאַפּן, און בײזערן זיך:

— וואָס האָט איר זיך דאָרט צעזונגען, וואָס? אַ ציגײַנערשע חתונה בײַ אײַך? ס׳געהערט אַ ביסעלע! די בײנער ברעכן, און מע לאָזט ניט שלאָפֿן!

6. יאָסעלע.

ס'איז פֿיר אַ זייגער באַגינען. אַ קאַלטער, ווינטערדיקער פֿרי־מאָרגן. ראָזנפֿעלד איז שוין וואַך. מע דאַרף גיין אין שאַפּ אַרײַן. אין צימער איז פֿינצטער. ראָזנפֿעלד טאַפּט מיט די הענט, זוכט זײַנע זאַכן. ער וויל ניט אָנצינדן דאָס לעמפּל ניט אויפֿצוּוועקן דאָס קינד וואָס שלאָפֿט.

אײַ איז דאָס אַ קינד, אַ גאָלדן יינגעלע! ווי ער לאַכט! ווי שיין ער רעדט און פּלאַפּלט!

די נאַכט איז ראָזנפֿעלד, ווי אַלע מאָל, געקומען אַהיים זייער שפּעט. דער באָס יאָגט. ס'גייט צו קריסטמעס און מע דאַרף פּאַרטיק מאַכן אַ סך נײַע רעק. אַנדערע אַרבעטער זײַנען אין גאַנצן געבליבן שלאָפֿן אין שאַפּ. עס לוינט זיך ניט צו גיין אַהיים, אַז אָט איז שוין איינס בײַ נאַכט. און ניט שפּעטער פֿון באַגינען דאַרף מען שוין ווידער זײַן בײַ דער אַרבעט.

ווען ראָזנפֿעלד איז געקומען אַהיים, פֿינף מינוט נאָך איינס בײַ נאַכט, האָט ער מיט זיך אין קעשענע מיטגעבראַכט אַ קליין ביכעלע. דאָס איז געווען אַ העפֿטל אַזאַ מיט לידער פֿון דעם יידיש־דײַטשישן פּאָעט, היינריך היינע, וואָס ער האָט געליִען בײַ אַ פּעדלער פֿון אַלטע ביכער. ראָזנפֿעלד האָט גוט געלייענט דײַטש. ער פֿלעגט זייער ליב האָבן צו לייענען היינעס לידער. אַ טייל פֿון היינעס לידער האָט ער געקענט אויף אויסווייניק, און ער האָט געוואָלט אַליין איבערזעצן אין יידיש אַ סך פֿון היינעס פּאָעמען.

ער איז געווען מיד און צעבראָכן פֿון שאַפּ. דאָך האָט ער קוים־קוים אָנגעדרייט דאָס לעמפּל און מיט אַ פּאַפּיר פֿאַרשטעלט

דאָס ליכט עס זאָל ניט פֿאַלן אויפֿן קינד אין בעטעלע. פֿאַרן טונקעלן ליכט האָט ראָזנפֿעלד נאָך אַ שעה צײַט אַרײַנגעקוקט אין קליינעם ביכעלע. די ליפּן זײַנע האָבן זיך כּסדר באַוועגט ווי ער וואָלט עפּעס גערעדט צו זיך. . . .

ער האָט זייער ווייניק געשלאָפֿן. ער מוז אָבער אײַלן צוריק אין שאַפּ אַרײַן. די אַרבעט וואַרט. . . די אַרבעט יאָגט.

מאָריס ראָזנפֿעלד האָט לעצטנס געפּרוּווט אַרויסרײַסן זיך פֿון סוועט־שאַפּ. אָבער ס'איז אים ניט געגאַנגען. ער האָט געפּרוּווט צו פֿאַרדינען ווי אַ פֿאַרלייענער אויף פֿאַרזאַמלונגען, ווי אַ דעקלאַ־מאַטאָר און ווי אַ זינגער. ער האָט געזונגען פֿאַרן עולם, און האָט געזונגען מיטן עולם. ער פֿלעגט די צוהערערס לערנען צו זינגען זײַנע מעלאָדיעס. אַ פּאָר מאָל איז ער שוין אויך געווען צוגעפֿאָרן אין פֿילאַדעלפֿיע, ווו ס'איז שוין דעמאָלט אויך געווען אַ היפּשע יידישע באַפֿעלקערונג. ער איז שוין אויך געווען אין באָסטאָן, אין באַלטימאָר. די וועבערס פֿון פּעטערסאָן האָבן שוין אויך געהאַט גערופֿן צו זיך דעם ניו־יאָרקער זינגענדיקן שנײַדער.

אָבער פֿון דעם אַלעמען האָט ער פֿאַרדינט, ווי מע זאָגט, וואַסער אויף קאַשע.

אין ניו־יאָרק האָבן גענומען אַרויסגיין אַרבעטער־צײַטונגען, און ראָזנפֿעלד האָט דאָרט געדרוקט זײַנע לידער. אַלע זײַנען געווען באַגײַסטערט. אָבער דער האָנאָראַר פֿאַר די לידער איז געווען זייער אַ קליינער, אַ דאָלער אַ ליד, צוויי דאָלער, העכסטנס — דרײַ דאָלער.

— נו, מאָריס, צוריק אין שאַפּ אַרײַן!

אַזוי האָט ער ביטער גערעדט צו זיך אַליין. און ווידער האָט ער גערעדט צו זיך סאַרקאַסטיש:

— גיי, שטעפּ אוים דײַנע שורות אויף דער מאַשין. . .

און איצט איז נאָך פֿיר אַזייגער באַגינען. ראָזנפֿעלד איז שוין אָנגעטאָן. ער גייט צו צום בעטל און גיט אַ קוק אויפֿן קינד. יאָסעלע שלאָפֿט. אין צווייטן קליינעם צימער שלאָפֿן די מיידלעך.

נאָך אַ מאָל אַ קוק אויפֿן קינד און — אַרויס.

איינס אַזייגער בײַ טאָג איז געקומען צו אים אין שאַפּ אַרײַן, אויף דעלענסי־סטריט, זײַן טאַכטערל דעבי. זי האָט אים געבראַכט אָנבײַסן. אַהיים גיין עסן קען מען ניט. ניטאָ קיין צײַט.

— דעבי, וואָס מאַכט יאָסעלע!

האָט דעבי געענטפֿערט:

— שוין אַ גאַנצער מענטש! ער רעדט שוין אַ ביסל. ער פֿרעגט אַלץ: — מאַ, ווו איז פּאַ?

פֿון דעבים קינדערשן גרוס האָט דעם טאַטן, דעם שנײַדער־פּאָעט, פֿאַרקוועטשט בײַם האַרצן.

ווידער אַ מאָל איז נאַכט, און ווידער שלאָגט דער זייגער צוועלף.

אין מיטן נאַכט.

ראָזנפֿעלד קומט אַהיים און זײַן האַרץ איז פֿול מיט בענקשאַפֿט. ער וויל ריידן צום קינד, שפּילן זיך מיט אים. אָבער יאָסעלע שלאָפֿט. ווען ער גייט אַוועק באַגינען — שלאָפֿט יאָסעלע. קומט ער אַהיים שפּעט אין דער נאַכט — שלאָפֿט יאָסעלע ווידער. ער זעט אים קיין מאָל ניט אַ וואַכעדיקן.

אַסנע־ביילע דערציילט אים וואָס פֿאַר אַ טײַער קינד דאָס איז. זי גיט אים איבער יאָסעלעס חכמות.

ליגנדיק אַזוי אויפֿן געלעגער האָט ראָזנפֿעלד גענומען מורמלען צו זיך:

— איך האָב אַ קליינעם יינגעלע.

און די ווערטער האָבן אים שוין ניט אָפּגעלאָזט.

— איך שרײַב אָן אַ ליד וועגן מײַן יינגעלע. איך האָב שוין די ערשטע פֿערזן.

אַזוי האָט אים אַ בליץ געטאָן אין מוח.

און מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מאָריס ראָזנפֿעלד פֿאַר אַ גרופּע אַרבעטער אין קלינטאָן־האָל שוין געלייענט זײַן נײַ ליד: — איך האָב אַ קליינעם יינגעלע.

דאָס ליד איז איבער נאַכט באַרימט געוואָרן אין יידישן אַר־בעטער־קוואַרטאַל.

— מײַן יינגעלע, מײַן יינגעלע.

אַלע האָבן גערעדט וועגן ראָזנפעלדס נײַ ליד.

ס׳איז קײַן וווּנדער ניט: דאָס ליד איז וועגן ראָזנפעלדס יינגעלע, יאָסעלע. אָבער אין דער זעלביקער צײַט איז עס אויך אַ ליד וועגן אַלע אַנדערע „יאָסעלעך", וועגן אַלע אַנדערע יינגעלעך פון די אָרעמע היימען.

און אָנגעשריבן האָט עס ראָזנפעלד מיט אַזוי פיל צאַרטקייט, מיט אַזוי פיל פאָטער־ליבע.

קענט איר דאָס ליד? אַלע קענען עס:

איך האָב אַ קליינעם יינגעלע,
אַ זונעלע גאָר פײַן;
און ווען איך זע אים, דאַכט זיך מיר —
די גאַנצע וועלט איז מײַן.

נאָר זעלטן, זעלטן, זע איך אים,
מײַן שיינעם ווען ער וואַכט.
איך טרעף אים אימער שלאָפנדיק,
איך זע אים נאָר בײַ נאַכט.

די אַרבעט טרײַבט מיך פרי אַרויס,
און לאָזט מיך שפּעט צוריק.
אָ, פרעמד איז מיר מײַן אייגן לײַב,
אָ, פרעמד מײַן קינדס אַ בליק.

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים,
אין פינצטערניש געהילט.
מײַן בלייכע פרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פײַן דאָס קינד זיך שפּילט.

. . . איך האָב אַ קליינעם יינגעלע

ווי פֿײַן עס רעדט, ווי קלוג עס פֿרעגט:
— אָ, מאַמע, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר,
מײַן גוטער, גוטער פּאַ?

איך הער זיך צו, און אײַל, — עס מוז
יאָ, יאָ, עס מוז געשען!
די פֿאָטער־ליבע פֿלאַקערט אויף:
— עס מוז מײַן קינד מיך זען!

איך שטיי בײַ זײַן געלעגערל,
און זע, און הער, און שאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
— אָ, וווּ איז, וווּ איז פּאַ?

איך קוש די בלויע אייגעלעך,
זיי עפֿענען זיך, אָ, קינד!
זיי זעען מיך, זיי זעען מיך,
און שליסן זיך געשווינד.

— דאָ שטייט דײַן טאַטע, טײַערער,
אַ פּעניעלע דיר, נאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
— אָ, וווּ איז, וווּ איז פּאַ?

איך בלײַב צעווייטיקט און צעקלעמט,
פֿאַרביטערט און איך קלער:
— ווען דו דערוואַכסט אַ מאָל, מײַן קינד,
געפֿינסטו מיך ניט מער. . .

ווען אסנע־ביילע האָט געהערט דאָס ליד האָט זי מיט פֿײַכטע בליקן און מיט אַ שטילן קול געזאָגט צו איר מאַן:

— פֿריִער האָט מען געזונגען דײַנע לידער וועגן אונדזערע טעכטער און איצט וועט מען זינגען וועגן אונדזער בן־יחידל. אונ־דזערע קינדער, זייערע קינדער — אַלעמענס קינדער! . . .

מיט אירע רייד וועגן די טעכטער האָט אסנע־ביילע געמיינט אויך די אַנדערע לידער פֿון איר מאַן, אין וועלכע ער באַשרײַבט אין טרויעריקע פֿערזן ווי גאָר יונגע מיידלעך יאָגן זיך באַגינען צו דער אַרבעט. ער באַקלאָגט זייער ביטערן מזל. דאָס ערשטע ליד וועגן אַזאַ יונג מיידל האָט ער אָנגעשריבן ווען זײַן עלטערע מיידל איז איין מאָל, אין באַגינען, אַוועק אַרבעטן אין אַ סוועט־שאָפּ.

דאָס ליד זינגט זיך אַזוי:

וווּהין, וווּהין, דו שיינעס קינד?
די וועלט איז נאָך ניט אָפֿן!
אָ, זע ווי שטיל דאָ איז אַרום,
פֿאַר טאָג, די גאַסן שטייען שטום, —
וווּהין, וווּהין, אַזוי געשווינד,
איצט איז דאָך גוט צו שלאָפֿן.

די בלומען טרוימען דאָך נאָך, זעסט?
עס שווײַגט נאָך יעדער פֿויגלנעסט,
וווּהין פֿאַרט טרײַבט עס דיך אַצינד? —
ווּ לויפֿסטו, זאָג, באַגינען?
— איך גיי פֿאַרדינען!

דאָס איז איין ליד וועגן אַזאַ מיידעלע. דאַן האָט ער אָנגע־שריבן נאָך אַ ליד וועגן אַזאַ קינד. מען האָט עס טויזנט מאָל גע־זונגען און איבערגעזונגען אין די אַרבעטער־היימען, אין די שעפּער, און אויף די מיטינגען.

דער אָנהייב גייט אַזוי:

עס האָט אי געשנייט, אי גערעגנט,
און גייענדיק שנעל דורך דער גאַס,
אַ מיידעלע האָב איך באַגעגנט,
האַלב נאַקעט, און באָרוועס און נאַס.

און דאָס ליד באַקלאָגט זיך אַזוי אויף דעם אָרעמען לעבן פֿון די יונגע קינדער, וואָס האָבן ניט קיין היים, ווען די נויט טרײַבט אַרויס אין גאַס; אויף די בלאַסע קינדער, וואָס האָבן ניט קיין גליק און ווייסן ניט פֿון קיין קינדהייט.

דערפֿאַר ווערט דאָס האַרץ מיר צעריסן,
דערפֿאַר הייב איך אויף אַ געשריי!
דערפֿאַר נאָר, יאָ, וואָלט איך דיך קושן,
דיר העלפֿן און שטילן דײַן וויי.

יאָ, אַזוי האָט געטאָן דער דיכטער, מאָריס ראָזנפֿעלד. ער האָט אויפֿגעהויבן אַ געשריי, און אין דער זעלביקער צײַט האָט ער מיט זײַנע לידער אויך געשטילט דעם וויי און געלינדערט די פּײַן פֿון די אָרעמע מענטשן.

7. גליקלעכע טעג.

דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע איז געוואַקסן און האָט זיך בּיסלעכווייַז אייַנגעשטעלט. אַ נייַער גרויסער אימיגראַציע-שטראָם איז אָנגעקומען אַהער אין די שפּעטערדיקע יאָרן. אַ סך ייִדן האָבּן זיך בּאַזעצט ניט נאָר אין ניו-יאָרק, נאָר אויך אין אַנדערע גרעסערע און קלענערע שטעט פֿון לאַנד. צוזאַמען מיט די אימיגראַנטען איז אַמעריקע געוואַקסן!

אין דעם גרעסטן ייִדישן צענטער, אין ניו-יאָרק, האָט זיך פֿונאַנדערגעפֿליט דער ייִדישער טעאַטער און גרויסע ייִדישע אַקטיאָרן האָבּן זיך בּאַוויזן. ייִדישע צייַטונגען האָבּן געקראָגן אַלץ מער לייענער.

מיט דעם אימיגראַציע-שטראָם זייַנען אַהער אויך געקומען גוטע שרייַבּערס און רעדנערס. נאָך שרייַבּערס זייַנען דאָ גופֿא אַרויסגעקומען פֿון היגן שאָפּ. טאַקע אַזוי ווי מאָרים ראָזנפֿעלד.

אַלע דאָ, אין דער גרויסער שטאָט ניו-יאָרק, האָבּן גענומען בּאַמערקן דאָס נייַע לעבּן פֿון דעם ייִדישן אימיגראַנט אויף דער איסט-סייַד.

מען האָט זיך געוווּנדערט:

— זעט נאָר, זעט! זייַנען געקומען אַהער אָרעמע ייִדישע אייַנוואַנדערער און זיי האָבּן דאָ גענומען בּויען אַן אייגן לעבּן! געקומען אַהער געיאָגטע און געפּלאָגטע און געבּראַכט מיט זיך אַזוי פֿיל אידעאַליזם, אַזוי פֿיל מוט און שיינע חלומות!

אין יענער צײַט האָט מען אויך אויסער דער איסט-סײַד דער־הערט די שיינע קלאַנגען פֿון מאָרים ראָזנפֿעלדס ליד. אַ פּאָר פֿון זײַנע שאַפּלידער זײַנען דערשינען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג. די לידער האָבן אַרויסגערופֿן גרויס באַגײַסטערונג. זיי האָבן אויפֿגעעפֿנט אַ נײַעם ווינקל פֿון היגן אַמעריקאַנער לעבן — דאָס לעבן אויף דער איסט-סײַד; געוויזן די לײַדן פֿון סוועט-שאַפּ און די קאַמפֿן פֿון די אַרבעטער.

די לידער זײַנען דערגאַנגען צו אַ באַרימטן געלערנטן, אַ פּראָפֿעסאָר פֿון סלאַווישע שפּראַכן אין דעם האַרוואַרד־אוניווער־סיטעט (אין קעימברידזש, מאַסאַטשוסעטס) מיט דעם נאָמען פּראָפֿעסאָר לעאָ ווינער.

יענער געלערנטער איז פּשוט מיטגעריסן געוואָרן פֿון דעם דיכטערס טאַלאַנט! ער איז ממש איבערראַשט געוואָרן. אַ פּשוטער שנײַדער, אַן אימיגראַנט, אַ שקלאַף פֿון סוועט-שאַפּ, זאָל שרײַבן אַזוינע שיינע לידער! אַזוינס האָט דאָך נאָך קיין מאָל ניט פּאַסירט. דיכטער זײַנען דאָך געוויינלעך אַרויסגעקומען ניט פֿון קיין שאַפּ. און דאָ קומט אַן אָרעמער אַרבעטער מיט אַזוי פֿיל געפֿיל, מיט אַזוינע רירנדיקע קלאַנגען!

און פּראָפֿעסאָר לעאָ ווינער האָט גענומען און אַליין איבער־געזעצט אויף ענגליש אַ גאַנץ ביכל פֿון ראָזנפֿעלדס לידער און עס אַרויסגעלאָזט אונטער דעם נאָמען: „סאָנגס פֿראָם דהי געטאָ" (געזאַנגען פֿון דער געטאָ).

די איבערגעזעצטע לידער האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אין אַמעריקע. צײַטונגען און זשורנאַלן האָבן געדרוקט אַרטיקלען וועגן דעם; אַמעריקאַנער רעפּאָרטערס זײַנען געקומען צום אָרעמען דיכטער, אים צו פֿרעגן: — ווער איז ער? פֿון וואַנען שטאַמט ער? מאָרים ראָזנפֿעלדס בילד איז דערשינען אין אַ סך ענגלישע צײַטונגען.

ראָזנפֿעלדס לאַגע איז בעסער געוואָרן. מען האָט אים גע־האָלפֿן זיך צו שטעלן אויף די פֿיס. זײַנע ביכער האָבן זיך גענומען פֿאַרקויפֿן אַלץ מער און מער. מען האָט אים געלאַדן



מאָרים ראָזנפעלד
1923 - 1862

צו פֿאַרשײדענע פֿאַרזאַמלונגען אין גאַנץ נײַע קרײַזן. מען האָט אים אויך געלאַדן פֿאַרצולייענען זײַנע לידער אין אוניווערסיטעטן. ער האָט דאָרט געלייענט די איבערגעזעצטע לידער אין ענגליש, און אויך זײַנע לידער אין ייִדיש, און ער האָט זיי פֿאַרטײַטשט פֿאַר די סטודענטן.

די „לידער פֿון דער געטאָ" האָבן ראָזנפֿעלדס נאָמען אויך באַקאַנט געמאַכט אין אייראָפּע.

ראָזנפֿעלד און זײַן משפּחה האָבן זיך איבערגעצויגן אין אַ בעסערער דירה. איין מאָל האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין זייער טיר. ווען אַסנע־ביילע האָט געעפֿנט די טיר, האָט זי דערזען פֿאַר זיך אַ שיינע, פֿײַן געקליידטע יונגע אַמעריקאַנער דאַמע. יענע האָט געפֿרעגט אין ענגליש:

— וווינט דאָ דער פּאָעט, מאָריס ראָזנפֿעלד?

אַסנע־ביילע האָט גענומען רופֿן:

— מאָריס, אַ דאַמע וויל דיך זען, וועגן דײַנע לידער, מסתּמא.

די דאַמע איז געווען די אַמעריקאַנער שרײַבערין און פּאָעטעסע, עלים סטאָן־בלעקוועל. זי האָט צו ראָזנפֿעלדן געזאָגט:

— איך וואָלט זיך וועלן אויסלערנען די ייִדישע שפּראַך, כּדי איך זאָל קענען אין אָריגינאַל לייענען אײַערע לידער.

און אַזוי טאַקע האָט זי געטאָן. ראָזנפֿעלד אַליין האָט איר געהאָלפֿן צו לערנען זיך ייִדיש. ווען עלים סטאָן־בלעקוועל האָט שוין גוט געקענט די ייִדישע שפּראַך, האָט זי איבערגעזעצט אויף ענגליש אַ סך לידער פֿון מאָריס ראָזנפֿעלד.

אַזאַ זאַך איז שפּעטער אויך פֿאָרגעקומען אין אייראָפּע מיט דעם טשעכישן דיכטער, וואָריסלאַוו ווערליקי, פֿון פּראַג. אויך יענער האָט זיך גענומען צו דער ייִדישער שפּראַך צו קענען מאָריס ראָזנפֿעלדן אין אָריגינאַל.

ראָזנפֿעלדס לידער זײַנען צו יענער צײַט איבערגעזעצט געוואָרן אין דײַטש, פֿראַנצייזיש, רוסיש, שפּאַניש און אין אַ סך אַנדערע שפּראַכן.

דער דיכטער איז ענדלעך באַפֿרײַט געוואָרן פֿון סוועט־שאַפּ און ער האָט געהאַט בעסערע טעג.

עס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין די אַרבעטער־צײַטונג: „דער פֿאָרווערטס". ראָזנפֿעלד איז דאָרט געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. ער האָט דאָרט אַחוץ לידער אויך געדרוקט פֿײַנע פֿעליעטאָנען, אַרטיקלען און באַשרײַבונגען פֿון דעם היגן ייִדישן לעבן.

און כאָטש ער איז אַלײן שוין אַוועק פֿון סוועט־שאַפּ, האָט ער אָבער ניט פֿאַרגעסן אָן די פֿאַרבליבענע אין שאַפּ און האָט ווײַטער מיט זײַן ליד געקעמפֿט פֿאַר די אַרבעטער.

8. דער „גלות־מאַרש".

איבער די גאַסן פֿון ניו־יאָרק האָט זיך געצויגן אַ גרויסער מאַרש. אַ ייִדישער מאַרש. געדיכטע רייען מיט פֿאָנען און באַנערס, און מיט אַלערליי אויפֿשריפֿטן. אויף די פּנימער פֿון די מאַרשירער איז געלעגן טיפֿער ערנסט.

דאָס זײַנען די היגע ייִדן אַרויס אין אַ פּראָטעסט־מאַרש קעגן די נײַע בלוטיקע פּאָגראָמען אויף די ייִדן אין אַמאָליקן רוסלאַנד, וווּ ס'האָט געהערשט דער בייזער צאַר ניקאָלײַ.

אַלט און יונג זײַנען געגאַנגען צוזאַמען. מענטשן פֿון אַלע קוואַרטאַלן; אָרעם און רײַך; רבנים מיט לאַנגע בערד און יונגע־לײַט — הי־געבאָרענע; פֿרויען און קינדער. אַלע זײַנען אַרויס אין פּראָטעסט־מאַרש קעגן די פּאָגראָם־מאַכער, קעגן די אַנטיסע־מיטן. מען האָט גערופֿן צו די אַמעריקאַנער מאַסן און צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג נאָך הילף.

אויף די באַנערס זײַנען געווען אויפֿשריפֿטן:

— שטעלט אָפּ די האַנט פֿון מערדער!

— הערט אויף צו פֿאַרגיסן ייִדיש בלוט!

— מיר אַפּעלירן צום אַמעריקאַנער פּרעזידענט!

דער מאַרש איז געגאַנגען איבער דער איסט־סײַד; איבער אַ טייל פֿון בראָדוויי און פֿינפֿטע עוועניו. די רייען האָבן זיך געצויגן צו סאַוטה־פֿערי, בײַם ברעג ים, וווּ מען האָט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג אונטערן פֿרײַען הימל. באַרימטע אַמעריקאַנער האָבן געהאַלטן פֿלאַמיקע רעדעס.

מיט דעם גרויסן עולם איז אויך געגאַנגען מאַריס ראָזנפֿעלד. געווען צײַטן — אָט גאָר ניט לאַנג — ווען ער איז געגאַנגען אויף דער פּיקעט־ליַין פֿון סטרײַקערס. איצט אָבער איז דער דיכטער געגאַנגען אין דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן מאַרש. דער טיפֿער ייִדישער ווייטיק האָט דורכגעדרונגען זײַן פֿילנדיק האַרץ. . .

דער מאַרש איז ענדלעך אָנגעקומען צום פּאַרק־פּלאַץ פֿון סאָוטה־פּערי.

עס האָט גערעדט אַן אַלטער רבֿ; עס האָט גערעדט אַ ייִדי־שער אַרבעטער־פֿירער. געקומען איז אויך צו זאָגן זײַן פּראָטעסט־וואָרט דער ניו־יאָרקער מעיאָר. אַ באַרימטער סענאַטאָר האָט זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפֿאָרמע און דער ייִדישער עולם האָט אים אויפֿגענומען מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

מיט אַ מאָל זײַנען צום ברעג אָנגעקומען עטלעכע קליינע שיפֿלעך מיט מענטשן. דאָס האָבן די שיפֿלעך געבראַכט נײַע ייִדישע אימיגראַנטן, וועלכע זײַנען אָנגעקומען אויף דער גרויסער שיף: „ניו־אַמסטערדאַם”. די גרויסע שיף מיט די הויכע קוימענס איז, ווי געוויינלעך, געבליבן שטיין פֿאַראַנקערט אַ היפּשע שטרעקע ווײַט פֿון ברעג.

די נײַ־אָנגעקומענע אײַנוואַנדערער האָט מען — ווי אַלע אימיגראַנטן — געפֿירט צו „קעסל־גאַרדן”. אין אַ לאַנגער ריי זײַנען זיי אַראָפּ אויפֿן ברעג. פֿאָרויס זײַנען געגאַנגען צוויי קליינע קינדער און הינטער זיי אַ זיידע, אַ באָבע, מאַמעס און טאַטעס — ייִנגערע, עלטערע — מיט זייערע קעסטלעך, קערבלעך און פּעק.

צווישן עולם איז געוואָרן אַ גערודער:

— דאָ קומען נײַע פּאָגראָם־קרבנות! — האָט מען גענומען רופֿן.

— דאָ קומען אונדזערע אומגליקלעכע ברידער!

און אַנדערע האָבן אויסגערופֿן:

— זײַט געגריסט! זײַט געגריסט, ברידער ייִדן, איר זײַט דאָ ווילקאָמען!

מאָריס ראָזנפֿעלד איז פֿון דער סצענע געוואָרן טיף גערירט. אַ טרויער האָט גענומען קוועלן בײַ אים אין האַרץ. . . זײַנע ליפּן האָבן עפּעס שטיל גענומען ריידן. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק און געקוקט אויפֿן ים.

פֿון ווײַטן האָט זיך געזען די אַמעריקאַנער סטאַטוע פֿון פֿרײַ־הייט. פֿאַר זײַנע אויגן האָט זיך געצויגן די ריי פֿון די נאָר וואָס

אָנגעקומענע, און אַ ביסל ווײַטער — די גרויסע פּראָטעסט־פֿאַר־זאַמלונג.

די ייִדישע טראַגעדיע האָט אים אויפֿגעשווידערט.

און אַז ער איז אין יענעם פֿאַרנאַכט אוועק אַהיים האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד מיטן נאָמען: „דער גלות־מאַרש״. דאָס ליד באַקלאָגט די ייִדישע צרות. דאָס ליד באַוויינט די לײַדן פֿון די וואַנדרער, וואָס ווערן געטריבן פֿון לאַנד צו לאַנד, וואָס האָבן ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ. . .

אויף מאָרגן האָט ראָזנפֿעלד דאָס נײַע ליד געלייענט בײַ אַ גרויסער פֿאַרזאַמלונג אין קופּער־יוניאָן־האָל. אַלע האָבן באַלד נאָכגעזאָגט די שיינע קלאַנגען פֿון דעם ליד. פּונקט ווי זײַן ליד „מײַן ייִנגעלע״, אַזוי איז אויך דער „גלות־מאַרש״ באַלד באַרימט געוואָרן אומעטום. ס׳איז באַלד אויך געשאַפֿן געוואָרן אַ מעלאָדיע צום ליד, און אין די ייִדישע קוואַרטאַלן פֿון ניו־יאָרק האָט מען געקענט הערן זינגען:

מיט אַ וואַנדערשטאָק אין האַנט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד,
אָן אַ גואל, אָן אַ פֿרײַנט,
אָן אַ מאָרגן, אָן אַ הײַנט;
ניט געדולדעט, נאָר געיאָגט,
ווי געשעכטיקט, ניט געטאָגט,
אימער וויי, וויי, וויי,
אימער גיי, גיי, גיי,
אימער שפּאַן, שפּאַן, שפּאַן —
כּל זמן כּוח איז פֿאַראַן. . . .

און אַזוי האַרציק האָט זיך דאָס ליד געזונגען, פֿערז נאָך פֿערז, שורה נאָך שורה. . .

זינגט מען דאָס ליד — דאַן עפֿענען זיך אויף די בלעטער פֿון דער ייִדישער געשיכטע; עס עפֿענען זיך די בלעטער, ווו עס זײַנען פֿאַרשריבן די צרות פֿון די ייִדן דורך יאָרהונדערטער. מע דערזעט פֿאַר זיך די אַרויסגעטריבענע ייִדן פֿון שפּאַניע, פֿון פּאָר־טוגאַל; מע דערזעט פֿאַר זיך די ייִדישע קרבנות פֿון אַמאָליקן

פינצטערן מיטל-עלטער; מע דערזעט די געשלאָגענע אין די רוסישע צאַרישע פּאָגראָמען, און מע דערזעט אויך די ליידן פון די איצטיקע ייִדישע פּליטים, וועלכע ווערן געטריבן פון דעם בלוטיקן היט-לערן. . .

אונדזער גבורה, ליגט אין שטויב,
אונדזער תורה איז אַ רויב, —
אימער שלעכט, שלעכט, שלעכט,
אימער קנעכט, קנעכט, קנעכט. . .

און אַזוי אַ, יאָר, נאָך יאָר,
און אַזוי אַ, דור נאָך דור!
אימער טרעט, טרעט, טרעט,
אימער בעט, בעט בעט,
אימער נויט, נויט, נויט —
און קיין גליק זאָגאַר צום טויט. . . .

דאָס ליד האָט גערירט, דאָס ליד האָט געציטערט מיט אַ הייסער טרער. . .

געדענקט איר ראָזנפעלדס ליד „אַ טרער אויפן אייזן"? געדענקט איר די טרער פון פאַרשקלאַפטן אַרבעטער, וואָס זידט און זידט אויפן הייסן אייזן און וויל זיך ניט איינשטילן?

אַזוי איז אויך געווען זיין טרער איבער די ליידן פון ייִדישן פאָלק.

געדענקט איר אָבער אויך מאָרים ראָזנפעלדס ליד, וואָס רופט צום פרייהייט-מאַרש? געדענקט איר זיין ליד: — „וואָס מיינט איר וואָס, אַ הונט בין איך"? געדענקט איר זיינע לידער, וואָס קלאָגן שוין גאָרניט, פאַרקערט, זיי וועקן און מונטערן?

גלייך נאָך דער טרער איז געקומען דעם דיכטערס טרייסטונג. אַזוי איז אויך געווען מיט ראָזנפעלדס לידער וועגן די ייִדישע ליידן. נאָכן „גלות-מאַרש" איז געקומען אַן אַנדער ליד — מיט האָפענונג. ס'איז אַזוי געווען:

אויף מאָרגן נאָך דעם פּראָטעסט-מאַרש איז מאָרים ראָזנפעלד

ווידער אַוועק צו סאַוטה־פּערי, בײַם ברעג פֿון ים. די גרויסע אָנ־געקומענע פּאַסאַזשיר־שיף איז נאָך אַלץ געשטאַנען פֿון דער ווײַטנס. ס׳איז געווען פֿאַר נאַכט. די זון איז נאָר וואָס געווען פֿאַרגאַנגען אויף דעם ווײַטן ים־האָריזאָנט. אַ נעבל האָט זיך גע־נומען שפּרייטן איבערן וואַסער. און קוקנדיק אַזוי אויפֿן ים האָט זיך ראָזנפֿעלדן געגומען אויסדוכטן, אַז די שיף דאָרט איז ניט סתם אַזוי אַ געוויינלעכע שיף, דאָס איז אַ וווּנדערשיף, וואָס שווימט שוין אַזוי אַ סך יאָרהונדערטער איבער די ימים; אַז דאָס איז די אייביקע וואַנדערשיף, וואָס פֿירט פֿאַרפֿאָלגטע און אומגליקלעכע פֿון איין לאַנד צום צווייטן. . . עס האָט זיך אים גענומען אויס־דוכטן, אַז דאָס איז אַ כּישוף־שיף, וואָס לאַכט זיך אויס פֿון יעדן שטורעם און קען קיין מאָל ניט אונטערגיין. . .

און אַזוי האָט ער גלײַך אויפֿן אָרט, זיצנדיק אַזוי אויף דער באַנק, גענומען זינגען אַ נײַ ליד:

פֿילע שיפֿן גייען אונטער,
און דערגרייכן ניט דעם ברעג.
אונדזער שיף גייט שטאָלץ און זיכער,
כאָטש געפֿערלעך איז איר וועג.

זי לאַכט אויס די גרעסטע שטורעמס,
און די ימים ווילד און טיף;
אונדזער שיף איז פֿעסט און אייביק,
אונדזער שיף, די שטאַרקע שיף.

ס׳איז אַזוי ווי דאָס ליד וואָלט געזאָגט:

— מיר ייִדן פֿאַרלירן ניט אונדזער מוט. שטאַרקע הערשער פֿון אַ מאָל זײַנען שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען; ווילדע פֿאַרכאַפּערס און אונטערדריקערס זײַנען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן; גרויסע אימפּע־ריעס, ווי אשור און בבל און רוים זײַנען צעבראָכן געוואָרן. אָבער די ייִדן זײַנען געבליבן לעבן. די „ייִדישע שיף" איז ניט אונטער־געגאַנגען, און —

זי וועט ניט אונטערגיין! . . .

9. נייע טרויעריקע טעג.

מאָרים ראָזנפֿעלד איז צו יענער צײַט אַרײַנגעקומען אין אַלע קרײַזן פֿון יידישן לעבן. איינער האָט געזאָגט: „ער איז דער אַרבעטער-דיכטער"; אַ צווייטער האָט געזאָגט: „ער איז אונדזער נאַציאָנאַלער דיכטער". אַלע האָבן אים פֿאַרערט. נײַע קלאַנגען האָבן זיך גענומען וועקן אין אים. ער האָט גענומען שרײַבן און זינגען אויך שיינע לידער וועגן דער נאַטור; שיינע לידער וועגן יידישע יום-טובים — וועגן פּסח און חנוכּה, און וועגן אַנדערע יום-טובים; ער האָט גענומען זינגען שיינע ראָמאַנטישע ליבע-לידער; ער האָט אויך גענומען שרײַבן לידער פֿון אַלטע יידישע לעגענדעס, קינדער-לידער, און אויך נײַע לידער וועגן די אָרעמע אויף דער וועלט...

דער דיכטער האָט דאַן פּערזענלעך געהאַט בעסערע, גליקלעכערע טעג ווי פֿריִער.

אָבער לאַנג האָט דאָס גליק זײַנס ניט אָנגעהאַלטן. ווידער זײַנען אָנגעקומען טראַגישע טעג פֿאַר דעם דיכטער, וואָס האָט אַזוי פֿיל איבערגעלעבט אין זײַן לעבן!

זײַן זון, יוסף (יאָסעלע), זײַן „יינגעלע", וועלכער איז געוואַקסן שיין און געראָטן, איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער קראַנקהייט און איז געשטאָרבן אין עלטער פֿון פֿופֿצן יאָר.

דאָס דאָזיקע גרויסע אומגליק האָט דעם דיכטער אין גאַנצן צעבראָכן. ער איז פּאַראַליזירט געוואָרן אויף אַ האַלבן קערפּער און די אויגן זײַנע זײַנען שטאַר געוואָרן. ער האָט געהאַלטן בײַם בלינד ווערן.

גוטע מענטשן, זײַנע פֿרײַנד און פֿאַרערערס, האָבן געמומען זאַמלען אַ הילפֿפֿאָנד פֿאַר אים, מען האָט אים ניט געלאָזט פֿאַלן.

זײַנען אַזוי פֿאַרבײַ צוויי יאָר. ראָזנפֿעלד איז אַ ביסל געקומען צו זיך פֿון דער קראַנקהייט. זײַן ליד האָט זיך אויפֿס נײַ גענומען רײַסן צום לעבן. . . אַ גרופּע פֿרײַנד האָבן דאַן אַראַנזשירט פֿאַר אים אַ רײַזע קײַן אייראָפּע.

— פֿאָרט, רוט זיך אויס, זײַט געטרייסט! — האָבן אים די פֿרײַנד צוגעוווּנטשן.

ראָזנפֿעלד איז געווען אין ענגלאַנד און ער האָט באַזוכט די אַלטע שעפּער, וווּ ער האָט דאָרט אַמאָל געאַרבעט; ער איז דערנאָך געווען אין פֿראַנקרײַך און אין דײַטשלאַנד, און אומעטום האָט מען אים אויפֿגענומען מיט גרויס כּבֿוד. אויך ניט־ייִדן האָבן אים געקענט פֿון די לידער זײַנע, וואָס זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַ סך שפּראַכן.

אַלע זײַנען געקומען אַ קוק טאָן אויפֿן דיכטער פֿון ניו־יאָרקער „איסט־סײַד".

גאָר גליקלעך האָט זיך ראָזנפֿעלד געפֿילט, ווען ער האָט באַזוכט די ייִדישע שטעט אין גאַליציע און אין פּוילן. די ייִדן האָבן אים אויפֿגענומען ווי דעם שענסטן שליח פֿון אַמעריקע!

ווען ער איז צוריקגעקומען פֿון זײַן רײַזע האָט ער זיך ווידער גענומען צום שרײַבן. זײַנע אויגן זײַנען אים בעסער געוואָרן. ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך נײַע לידער און אויך אַ בוך מיט רײַזע־באַשרײַבונגען.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט מען אין ניו־יאָרק געפֿײַערט זײַן פֿופֿציקיאָריקן יובֿילײ.

דאָס איז געווען דער לעצטער ליכטיקער שטראַל אין זײַן לעבן.

נאָך דעם יובֿילײ האָט אים ווידער גענומען גיין שלעכט. ווידער אַ מאָל האָט זיך די קראַנקהייט געשטאַרקט איבער אים. ער איז געוואָרן געבויגן, אומעטיק, און צעבראָכן. . . ער האָט

אויך אויפֿגעהערט צו שרײַבן אין „פֿאָרווערטס”. אָפּגעריסן פֿון זײַנע לייענערס האָט זיך מאָריס ראָזנפֿעלד גענומען פֿילן אַלץ עלנטער און עלנטער.

צו יענער צײַט האָט מען געקענט זען ווי ער בלאָנדזשעט אַרום איינער אַליין איבער קראָטאָנאַ פּאַרק, אין בראָנקס, אָדער איבער אַן אַנדער פּאַרק. ער האָט זייער ליב געהאַט אַרומצוגיין צווישן ביימער. ער איז געגאַנגען שטאַרק אָנגעבויגן, מיטן קאָפּ עטוואָס אַן אַ זייט, מיט אַ שטעקן אין האַנט, און עפּעס גע־שעפּטשעט צו זיך. . . ער האָט אויסגעזען עלנט און פֿאַרלאָזן. אין זײַן קעשענע פֿלעגט ער צו יענער צײַט האַלטן אַ קליין שוואַרץ געבונדענעם תּנך. ער פֿלעגט זיך אַוועקזעצן אויף אַ באַנק אין פּאַרק און אַזוי קורצזיכטיק־נאָענט אַרײַנקוקן אינעווייניק, אין דעם ספֿר. ער האָט, הפּנים, געזוכט טרייסט בײַ די ייִדישע נביאים. ער האָט אויך אַליין איבערגעזעצט אויף ייִדיש עטלעכע געזאַנגען פֿון ישעיה און פֿון יחזקאל.

אויפֿן האַרצן איז אים געווען טרויעריק. ער האָט געזען ווי דער טאָג פֿאַרגייט, און ער האָט צו זיך שטיל אַזוי געזונגען:

דער וועג איז ווײַט, דער טאָג איז קורץ,
די זון זינקט באַלד אַרונטער.
דאָס וואַסער רוישט, צום ברעג איז ווײַט —
מײַן שיף, מײַן שיף גייט אונטער. . .

דאָס האָט ער אַזוי געזונגען וועגן דער „שיף” פֿון זײַן אייגענעם שווערן לעבן.

באַקאַנטע פֿלעגן, דערזעענדיק אים אין פּאַרק, אים באַגריסן:

— העלאָ ראָזנפֿעלד! וואָס מאַכט איר?

אָבער דער קראַנקער לײַדנדיקער דיכטער פֿלעגט ווייניק וואָס ענטפֿערן אויף די באַגריסונגען. ער פֿלעגט שטום אַ בליק טאָן מיט זיינע שטאַר געוואָרענע אויגן, און ווײַטער גיין . . .

ווען ער פֿלעגט צו יענער צײַט ווידער אָראָפּקומען אויף דער איסט־סײַד — דאָרט ווו ס'האָט אַמאָל אויפֿגעבליט זײַן ליד —

פלעגט ער זיך רײַסן צו גײן אַ קוק טאָן אויף דעם איסט-ריווער. לאַנג פלעגט ער שטײן און קוקן אויפן טײַך. דאָס האָט ער מסתּמא געקוקט, און געטראַכט, און זיך דערמאָנט אָן יענעם טײַך, וואָס איז געפלאָסן בײַם דאָרף באָקשע, ווו ער איז געבאָרן געוואָרן. אַ טיפע בענקשאַפט פלעגט אים אַרומכאַפּן, און ער פלעגט שטיל זינגען צו זיך זײַן ליד:

זעסטו דאָרט דעם שפּיץ פון בערג,
און דעם קלאָרן טײַך?
אַך, איר זיסע קינדער־יאָרן,
ווײַט בין איך פון אײַך!

אין יאָר 1923 איז מאָרים ראָזנפעלד געשטאָרבן. אַ גרויסער עולם איז געקומען צו זײַן לויה: אַרום פינף און צוואַנציק טויזנט מענטשן. מען האָט געהאַלטן הספּדים און מען האָט דערציילט וועגן זײַן טראַגישן לעבן. מען האָט גערעדט וועגן זײַנע וווּנדער־לעכע שאַפונגען. יינגערע יידישע פּאָעטן האָבן פאָרגעלייענט פון זײַנע ביכער. קינדער פון יידישע שולן זײַנען אויך געגאַנגען צו ראָזנפעלדס לויה.

דער קבר פון מאָרים ראָזנפעלד געפינט זיך בײַ דעם קבר פון נאָך אַ גרויסן יידישן שרײַבער — פון שלום עליכם.

ראָזנפעלדס פרוי, אַסנע-ביילע, איז געשטאָרבן מיט פיר יאָר שפּעטער.

10. „וואָס סאיז שיין — ווערט ניט פאַרגיין".

אַט אַזוי האָט געלעבט און געליטן, געקעמפּט און געשאַפֿן, אונדזער גרויסער אַמעריקאַנער ייִדישער דיכטער, מאָרים ראָזנפֿעלד.

דער ווונדערלעכער שנײַדער-פּאָעט.

זײַן ליד איז געבאָרן געוואָרן אין סוועט-שאָפּ. אָבער אויך אַלע, אויסער דעם סוועט-שאָפּ, האָבן דערהערט זײַן געזאַנג.

די מאַשין האָט געזשומט, דער דלות האָט געברומט. אָבער זײַן ליד איז קיין מאָל ניט געוואָרן פֿאַרשטומט.

די צײַט האָט זיך זינט דעמאָלט אַ סך געביטן. אָבער מיר הערן נאָך אַלץ זײַנע שיינע קלאַנגען. ניט נאָר אימיגראַנטן, נאָר אויך הי-געבוירענע פֿאַרשטייען און באַנעמען זײַן ליד.

עס לעבן נאָך אַלץ אַרום אונדז די געשטאַלטן פֿון זײַנע לידער. מע קען נאָך אַלץ זען דעם פּלייבן אַפּרייטאָר; מע קען נאָך אַלץ טרעפֿן די באָרוועסע מיידעלע אין די אָרעמע גאַסן; און עס רופֿט נאָך אַלץ הילף דער געיאָגטער און געפּלאָגטער ייִד אויף דער וועלט.

די געשיכטע פֿון ראָזנפֿעלדס לעבן און זײַן ליד, איז די געשיכטע פֿון אַ גרויסער צײַט אין דעם ייִדישן לעבן אין אַמעריקע. מע וועט ראָזנפֿעלדן און זײַן ליד אייביק געדענקען, ווײַל, —

— וואָס ס'איז שיין — קען קיין מאָל ניט פֿאַרגיין! . . .